בס"ד

שבת זכור

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

תצוה

י"א אדר תשפ"ו

גליון מס: קע"ה

שנה ד'

די ציונן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 5:00 |
| מוצש"ק | 6:13 |
| ר"ת | 6:53 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:14 | סוז"ת א' | 9:27 |
| סוזק"ש ב' | 8:57 | סוז"ת ב' | 9:55 |

## טיב המערכת

### קנין התורה – וויאזוי?

מורינו ורבינו שליט"א האט דערציילט די פאלגנדע מעשה: איינמאל בין איך געקומען צו אבי מורי ורבי זצ"ל, דאס איז געווען אין א לאנגע טבת נאכט, ווען איך האב אים געפינען זיצנדיג איינגעבויגן איבער זיינע כתבים, שרייבנדיג זיין ספר מעדני השולחן. איך האב פארשטאנען אז עס איז מיר יעצט אונטערגעקומען א געלעגנהייט זיך צו לערנען פון מיין טאטן הֲלִיכוֹת חַיִּים, האב איך אים געפרעגט: "טאטע, צודען איז אלעס קלאר ביי דיר און דו האסט נישט קיין שום ספק אין קיין שום זאך, אויף אזוי ווייט אז דו קענסט זיצן און ארויסשרייבן קלאר אין דיין ספר וויאזוי מען זאל זיך פירן למעשה"?

אין אמת'ן אריין, זאגט מורינו ורבינו שליט"א, האב איך געוואוסט אז דער כח פונעם טאטן איז זייער גרויס אין תורה און אין הוראה, אבער פון די אנדערע זייט האב איך געוואוסט ווי גרויס איז די מִדַּת הָעֲנָוָה פון מיין טאטן, און דעריבער האב איך געהאט א שטארקע גלוסטעניש און תשוקה צו זען וואס ער וועט מיר ענטפערן לְפִי דַּרְכּוֹ.

ער האט מיר טאקע נישט געענטפערט אז זיין לערנען איז מסודר ביי אים נאך פון זיינע יונגע יארן ווען ער האט באקומען היתר הוראה, נאר ער האט מיר אזוי געזאגט: ווען איך לערן אדער איך שרייב, אפילו אויב איך זיץ אליין, טו איך שפירן ווי הקב"ה זיצט אנטקעגן מיר און לערנט מיט מיר כביכול, און יעדער זאך וואס איז מיר שווער, פרעג איך אויפן קול, און איך שפיר אז דער באשעפער הערט מיר, און ווען עס פאלט מיר איין אן ענטפער אויף מיין שאלה, טו איך פילן אז דער באשעפער איז דער וואס האט דאס געענטפערט. אט אזוי לערן איך מיט אט דעם געפיל, און יעדער זאך וואס איז מיר נישט קלאר, שפיר איך אז איך האב נאכנישט באקומען דערויף קיין קלארע ענטפער פונעם באשעפער, און דעריבער זיץ און איך שמועס עס אויס פאר הקב"ה כביכול, ביז איך בין זוכה און דער זאך ווערט אויסגעקלארט אזוי ווי עס דארף צו זיין.

די מִדַּת הָעֲנָוָה וואס איז געווען ווי א קרוין פאר זיין קאפ, איז געווען קענטליך פון דער ענטפער וואס ער האט מיר געענטפערט. וויבאלד ער האט געוואוסט אז טראצדעם וואס ער האט געלערנט אסאך תורה זאל ער נישט מַחֲזִיק טוֹבָה זיין לְעַצְמוֹ, ווי גלייך זיין באהאוונטקייט [=בקיאות] און זיינע כשרונות איז דאס וואס וועט אים צוברענגען צו דערגרייכן און פארשטיין יעדער שוועריגקייט ביים לערנען די הייליגע תורה, ווייל די הייליגע חז"ל זאגן דאך אז דברי תורה זענען שווער קונה צו זיין אזוי ווי גאלדענע כלים, און צו קלארקייט אין תורה איז מען נאר זוכה דורכדעם וואס מען פארטיפט זיך אין יעדן פרט און פרט פון די הייליגע תורה.

אט דער ענין זעען מיר אויך אין די פרשה פון די וואך, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'וְזֶה אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה עַל הַמִּזְבֵּחַ כְּבָשִׂים בְּנֵי שָׁנָה שְׁנַיִם לַיּוֹם תָּמִיד'. און אין די גמרא אין מסכת מנחות איז דא פון די הייליגע חכמינו ז"ל וואס דרש'נען פון דעם וואס עס שטייט 'וְזֶה', אז משה האט געהאט א שווערקייט אין די הלכות פון'ש חיטה, ביז הקב"ה האט אים געוויזן מיטן פינגער די מעשה שחיטה. אזוי ווי מיר זעען אז אין עטליכע זאכן האט משה געהאט א שווערקייט, ביז הקב"ה האט עס אים געוויזן מיטן פינגער און ערקלערט, און דאס איז איינס פון זיי.

פון דעם לשון 'שנתקשה' משה, אז עס איז שווער געווען פאר משה, זעען מיר אז כאטש וואס משה רבינו איז דער וואס האט אונז געגעבן די תורה, האט ער אויך געדארפט אנקומען צו הארעוואניע [=יגיעה] כדי ארויסצוהאבן יעדער זאך גרונטליך, און נאר נאכדעם וואס ער האט זיך שטארק געפלאגט און געמוטשעט האט ער זוכה געווען צו באקומען קלארקייט, און הקב"ה האט אים געוויזן מיטן פינגער אז ער זאל עס קלאר פארשטיין.

(עפ"י טיב התורה – תצוה)

## טיב הפרשה

# תמחה את זכר עמלק

## די שילוב פון אונזערע כוחות מיט די הימלישע כח

די וואך וועט כלל ישראל לייענען בנוסף צו די וועכענטליכע קריאה אויך די קריאה פון שבת זכור. מיט דעם וועט מען אינזינען האבן מקיים צו זיין די מצוה פון מחיית עמלק - אויסצומעקן עמלק - וועלכע יעדער איד באקומט איינמאל א יאר.

אין צוויי באזונדערע ערטער אין די תוה"ק ווערט די מצוה דערמאנט. איינמאל ווערט זי דערמאנט אין פרשת בשלח, די צווייטע מאל ווערט זי דערמאנט אין פרשת כי תצא.

עס איז איין מצוה, אבער ווען מען קוקט אריין אין די לשונות פון די צוויי פרשה'ס דערקענט מען א שטארקער און א באדייטפולער חילוק צווישן די צוויי מראי מקומות. אינדערצייט וואס אין פרשת כי תצא [די פרשה וואס מיר לייענען שבת זכור] באאויפטראגט די תוה"ק יעדן איד מיט די מצוה פון מחיית עמלק און באפעלט יעדן איד מיט די מצוה זאגנדיג 'תמחה את זכר עמלק' אז א איד מוז אויסמעקן עמלק, טרעפט מען אין פרשת בשלח אן אנדערע לשון.

אין פרשת בשלח זאגט די תוה"ק אז די מְחִיָּה פון עמלק איז א מלחמה פון הקב"ה, ווי עס איז דארט דער לשון הפסוק, מִלְחָמָה לַה' בַּעֲמָלֵק מִדֹּר דֹּר.

אויבנאויף באגעגנט מען דא א סתירה, אינדערצייט וואס אין פרשת כי תצא באקומט מען דער רושם אז עס איז א חוב אויף יעדן איד און וויפיל יעדער איד וועט עס מקיים זיין - וועט עמלק ווערן אויסגעמעקט, ווען דאגעגן איז דער איינדרוק וואס מ'באקומט לערנענדיג די פרשה אין פרשת בשלח.

מען קען פארענטפערן די סתירה אריינגייענדיג מער בפנימית הדברים אין די מצוה פון מחיית עמלק. עס איז ידוע לכל אז די מצוה פון אויסמעקן עמלק איז נישט א טעכנישער זאך וואס מ'מוז אויספירן, א שטייגער ווי אן איסור אז מ'טאר נישט עסן א געוויסער מאכל, די מצוה פון אויסמעקן עמלק איז א זאך וואס איז נוגע צו די פנימיות פון דער מענטש, ווייל דער כח פון עמלק איז א כח אין די פנימיות פון דעם מענטש, נישט נאר אין די חיצוניות פון דער מענטש.

עס איז ידוע פון אלע ספרי קודש אז דער כח פון עמלק איז געווען אריינצוברענגען קרירות אין א איד, אפצוקילן דעם איד פון א מצוה, פון זיין אמונה. אין די ספרי קודש ווערט די נקודה מבואר באריכות מיט'ן ארויסגעבן בדרך רמז אז די ווארט 'עמלק' איז די זעלבע גימטריא ווי די ווארט "ספק".

מיט דעם רמז פארשטייען מיר דער כח פון עמלק און זיין מהלך, אז עס איז איינצינווארצלען אין דער אידישער הארץ ספיקות און קווענקלעענישן אין יעדער דבר שבקדושה ובראש ובראשון אין די אמונה וואס א איד האט אין הקב"ה און אין אלע ענינים וואס זענען נוגע צו די אמונה ווי שכר ועונש, אז הקב"ה פירט די וועלט.

נישט אלעמאל שאצט מען גענוג אפ די כח הרע פון א ספק. אזוי לאנג ווי א איד איז קלאר ביי זיך, ער איז שטארק מיט זיין אמונה וועט אויך זיין עבודה זיין שטארק און קלאר, אבער אין די רגע ווען אלעס גייט אריין בגדר ספק, וועט דאס אידישער פלעמל אין זיין הארץ ווערן פארלאשן.

דער 'ספק' איז נישט בלויז א נויגונג, עס איז דער יסוד היסודות פון דעם איד, אין די רגע וואס עס פעלט פאר א איד קלארקייט אין די אמונה, פעלט אים א שטיק אידישקייט, זיין 'איד' שאקלט זיך אין אים.

עס איז אזוי אין יעדער זאך, אבער ביתר שאת איז עס אזוי אין די

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער

אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

אמונה פון א איד. אז דער 'אנכי ולא יהיה לך' פון א איד איז נישט קלאר און גאנץ, פעלט פאר'ן איד דער יסוד און די בסיס פון די גאנצע תורה.

דער איד איז א פעלעריגער איד און עס נעסטעט אויךביים איד און איז גורם אז די גאנצע עבודה פון דעם איד זאל געמאכט ווערן מיט א גרינגקייט, מיט א לויזקייט, אבי געמאכט, אן קיין חיות, אן קיין התלהבות, ווייל ער איז סקעפטיש מיט וואס ער טוט. און דאס איז די כח פון עמלק, ער קריכט אריין אין די אינערליכקייט פון דעם מענטש און זייעט איין אין איר א ספק. עס איז אים גענוג דער ספק, ווייל איינמאל אז דער ספק איז דא - וועט אלעס גיין צוגרונד.

די עצה זיך צו שטארקן קעגן עמלק איז מיט'ן שטארקן די אמונה אין זיך און אויסווארצלען אלע ספיקות פון אן אידיש הארץ, און צו דעם קומט מען אָן מיט מסירות נפש.

מען דארף צו וויסן אז יעדער איד, אין די טיפענישן פון א איד, האט א פינטעלע אמונה, די פינטעלע וואס הקב"ה האט אריינגעלייגט אין די הארץ פון יעדן איד. עס איז דארט פון אברהם אבינו'ס צייטן און עס איז דא אין יעדן איד צו געבן פאר א איד די כח זיך צו קענען שטארקן אויף די ספיקות, אבער אז מ'וויל עס אויפפלאמען דארף מען האבן מסירות נפש פאר הקב"ה, מען דארף זיך וועלן איבערגעבן פאר קוב"ה, פאר א מצוה, ווייל נאר ווען מען האט מסירות נפש, קען מען זוכה זיין צו שפירן די נקודה.

נישט יעדער איד איז אין די דרגה אז ער איז שטענדיג גרייט אויף מסירות נפש, אבער אז ער ווייסט אז די נקודה עקזיסטירט ביי אים, אז עס ליגט איינגעווארצעלט אין זיין וועזן, אין זיין מציאות, וועט ער דורכדעם זיך קענען אויפפלאמען צו איר און גלוסטן צו איר.

אין ספרי קודש ווערט מערערע מאל מבואר די יסוד אז יעדער איד, טיף אינעווייניג, אין אים, אין זיין הארץ געפינט זיך די נקודה, אז יעדער איד, אויך דער שוואכסטער איד, וועלכער איז ליידער פארפלעקט, פארשמירט מיט עבירות, האט אבער אין אים די נקודה און אז ווען ער שטייט פאר א נסיון דערוועקט זיך אין אים די פינטעלע און עס איז די פינטעלע וואס דער איד דארף דערוועקן ווען ער לעבט מיט ספיקות, ווי א קנעכט וואס זוכט צו באדינען זיין האר אין די בעסטע וועג וואס עס איז נאר שייך.

פאר אסאך מענטשן קען אויסזען ווי מען רעדט פון צוויי באזונדערע זאכן. עס איז דא די נקודה פון אמונה וואס ליגט איינגעפלאנצט אין דעם איד, און עס איז דא די פינטעלע מסירות נפש פון א איד, אבער דער אמת איז אז ביידע זענען איין זאך, עס איז היינו הך, עס איז די זעלבע פינטעלע מסירות נפש, און ווען דאס דערוועקט זיך הייבט דער איד אן צו לעבן מיט א קלארקייט, מיט א בהירות, אז הקב"ה איז דער איין איינציגסטער כח איבער די וועלט.

מען האט געזען אין אלע דורות אז ווען א איד האט געהאט א נסיון צו ווערן אומגעברענגט אויף קידוש שמו יתברך און ער האט זיך געשטארקט קעגן די נסיון און האט זיך מקריב געווען לשמו יתברך האט ער עס געטון מיט א שמחה, מיט א חדוה עילאה, ווייל ער האט זיך אנגעבינדן אין די נקודת אמת און איז אנגעקומען צו די קלארקייט וואס עס האט אים געפעלט אין עבודת ה'.

נישט נאר בעלי מדריגה זענען אנגעקומען צו די דרגה צו ווערן אומגעברענגט אויף קידוש שמו יתברך בשמחה, אויך פשוטע אידן, קליינע בעלי השגה, האבן דערגרייכט די הויכע דרגה פון שמחה איינזעענדיג אז די מענטשליכע קערפער איז גארנישט און נישטיג קעגן די נשמה וואס ליגט אין אים.

די נקודה איז אזוי גרויס אז קעגן דעם שטארקט זיך עמלק. מיט אלע זיינע כוחות זוכט ער אפצוקילן די נקודה און עס צונישט מאכן, אבער די עצה איז צו נוצן די הייליגע כח וואס א איד האט אין זיך און זיך שלאגן מיט אים, נישט צו אנטלויפן פון די נקודה פנימית, נאר זיך באהעפטן צו איר און דורך וואס ער באהעפט זיך צו איר - וועט ער זוכה זיין זיך צו שטארקן קעגן די נקודה און עס אויפפלאמען, און אזוי ארום וועט ער קענען אנקומען צו די אמונה שלימה אין הקב"ה.

מיט דער יסוד פארשטייט מען אויך די סתירה צווישן די צוויי פרשה'ס, אז עס איז דא ביידע, פון איין זייט איז דער חלק הטבע וואס דער איד דארף טון בכוחות עצמו און אזוי ארום אויסמעקן עמלק, אבער אין די זעלבע צייט דארף ער אויך זוכן זיך צו דערהייבן צו די הימלישע כח, צו די גייסט וואס עקזיסטירט העכער זיין טבע, העכער אים, ווייל דארט ליגט די אמת'ע כח אויסצומעקן עמלק בשלימות, אין א בחינה פון זה לעומת זה, אז אזוי ווי עמלק וויל אפקעלטערן און פארלעשן די פינק פון א איד, זאל ער זיך אנבינדן אין די כח אלקי ממעל, ווייל נאר מיט דעם וועט דער אויסמעקן די עמלק זיין בשלימות.

די שילוב איז אויך געווען אין די צייט ווען משה רבינו האט לוחם געווען מיט עמלק. פון איין זייט איז עס געווען א מלחמה מיט די הענט, מיט געווער, אבער אין די זעלבע צייט איז עס אויך געווען א מלחמה פון משה רבינו, און א הימלישע מלחמה, ווי חז"ל זאגן עדות אין מסכת ראש השנה [כ"ט ע"א] והיה כאשר ירים משה ידו וגבר ישראל, און די גמרא פרעגט וכי ידיו של משה עושות מלחמה או שוברות מלחמה, אלא לומר לך כל זמן שהיו ישראל מסתכלין כלפי מעלה ומשעבדין את לבם לאביהם שבשמים היו מתגברים ואם לאו היו נופלים - ווייל אויך דערביי איז געווען די הימלישע כח, ווייל נאר זי העלפט דעם מענטש צו קענען טון דעם רצון ה' און מכניע זיין די קליפה וואס הייסט עמלק.

די בחינה דארף אויך זיין היינט, אז אין די זעלבע צייט וואס מיר קעמפן קעגן עמלק מיט די אמירה און מיט אונזער כח, זאל אויך זיין די הימלישע נקודה אז מען זאל אויסקוקן אויף איר, ווייל די שלימות אין אויסמעקן עמלק קומט פון אויבן.

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל זוכה זיין דערצו און קענען אויסמעקן עמלק בשלימות און מיט אלע כוחות, ביז ווען מיר וועלן זוכה זיין אז מען וועט פון הימל אויסמעקן עמלק און מען וועט זוכה זיין צו די גאולה השלימה במהרה בימינו.



טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית
### געשריבן דורך לייענערס

# הרב את ריבנו

## די סומע איז אנגעקומען אין צייט

פון הימל האט מען מיר מזכה געווען אז איך זאל זיין פארמישט אין א חסד ארגינאזאציע וואס געבט זיך אפ מיט קינדער וואס זענען אנגעוויזן אויף ספעציעלע געברויכן.

עס האט זיך אנגעהויבן מיט געציילטע קינדער, אבער מיט די צייט איז די פארלאנג געווארן גרעסער און גרעסער, אז איך האב זיך געדארפט אויסברייטערן און ארויסדינגען פאר זיי א לאקאציע, וואו זיי זאלן קענען ווייל'ן. נישט וועלענדיג דארפן צאלן יעדע חודש די רענט, האב איך באשלאסן אז כ'גיי אפקויפן א געביידע פאר זיי.

דער אפקויפן א געביידע ציט אריין אין גרויסע געלטער, איך האב עס נישט געהאט, אבער רעדנדיג מיט א געוויסער נגיד וואס איז ווארעם פאר די זאך האט ער אויסגעדרוקט גרייטקייט אויסצוצאלן די קאסטן פון אזא געביידע.

נאכ'ן טרעפן א פאסיגע בנין, האב איך געמאלדן פאר די פארקויפער אז איך וויל וייטערגיין מיט די אפקויפונגען און זיך איינהאנדלען די געביידע. מען האט באשטימט א צייט ווען מען גייט זיך טרעפן און שרייבן א קאנטראקט זיך איינצוהאנדלען די געביידע.

דער סדר העולם איז אז גלייך ביים אונטערשרייבן די קאנטראקט דארף מען אראפלייגן א גרויסע סומע געלט. איך האב זיך געגרייט פארדעם און רעכנענדיג אויפ'ן נדבן, בין איך געווען זיכער אז איך האב דאס געלט און כ'קען צוגיין צו חתמ'נען דעם קאנטראקט.

דער באשטימטער טאג איז אנגעקומען, אבער דער נדבן האט נאכנישט געהאט אריבערגעפירט דאס געלט. איך האב זיך גע'ספק'עט צי איך זאל אפשטופן די באגעגעניש, אבער ענדע האב איך באשלאסן אז איך וועל עס נישט אפשטופן, איך האב זיך געשטארקט אין אמונה, איך האב זיך אנגעגארטעלט מיט גרויסע כוחות און איך בין צוגעגאנגען צו דעם קאנטראקט.

מען האט אנגעהויבן ארויספולן די נויטיגע דעטאלן, מען איז אנגעקומען צו דער פאראגראף וואו מ'דארף אריינשרייבן די סומע געלט וואס מען גייט בעטן פאר די געביידע און מיטאמאל האט אויסגעבראכן א קריגעריי צווישן די פארקויפער.

די פארקויפער, צוויי שותפים, האבן זיך נישט געקענט אייניגן אויף די פרייז. עס האט זיך אנגעהויבן אן ערנסטע טענה'ריי ומענה'ריי. אז זיי האבן נישט געקענט ממשיך זיין מיט די וויכוח נעבן מיר, זיי זענען ארויס אינדרויסן פון צימער, צו א צווייטער צימער, פון וואו עס האט זיך ארויסגעהערט קולי קולות.

עס איז אריבער א שטיק צייט, איך האב נישט געוואוסט וואס איך זאל טון דא, איך בין געזעסן אויסווארטן ביז ווען די זאך וועט זיך סעטלען. עס איז אריבער א שטיק צייט און זיי קומען צוריק צום צימער און זאגן, אז אזוי ווי זיי קענען זיך נישט אייניגן אויף די פרייז, זאל איך יעצט געבן א קלענערע סומע אויפ'ן חשבון און שפעטער וועלן זיי זיך אויסקומען.

די סומע איז געווען גענוי די סומע וואס איך האב דאן געהאט אין מיין באנק קאונטע, איך האב גע'חתמ'ט און זיי געגעבן די סומע.

ווען עס איז געקומען צו חתמ'נען די פולע קאנטראקט האב איך שוין געהאט ביי מיר די גאנצע סומע, איך האב געזען בחוש ווי אזוי מען האט מיר געפירט פון אויבן אז אלעס זאל זיין אין פלאץ, אז איך זאל האבן וויפיל איך דארף אין יענע מינוט.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: א.מ.ג.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים
מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה
סמואלס אין פקס: 15326517922

שרייבט דער **פירוש הרא"ש** וזה לשון קדשו: "תִּמְצָא בְּכָל הַסְּדָרִים אֲשֶׁר בַּתּוֹרָה, מִשֶּׁנּוֹלַד מֹשֶׁה עַד מִשְׁנֵה תּוֹרָה, שֶׁהוּא נִזְכָּר מִלְּבַד זֶה הַסֵּדֶר, וְתֵימָא הוּא".

"וְשָׁמַעְתִּי מִפִּי **הר"ר דָּן אַשְׁכְּנַזִּי ז"ל**, לְפִי שֶׁמֹּשֶׁה אָמַר לִפְנֵי הקב"ה עַל מְחִילַת הָעֵגֶל דָּבָר רַע, 'וְאִם אַיִן מְחֵנִי נָא מִסִּפְרְךָ אֲשֶׁר כָּתָבְתָּ' (שמות לב, לב), וְאָמְרוּ ז"ל (מכות יא.) קִלְלַת חָכָם אֲפִילּוּ עַל תְּנַאי הִיא בָּאָה. - אָמַר הקב"ה אֶעֱשֶׂה לְךָ לְפָנִים מִשּׁוּרַת הַדִּין, אֶמְחֶה אוֹתְךָ מִן הַסֵּפֶר אֲשֶׁר כָּתַבְתִּי, כְּלוֹמַר מִסֵּדֶר 'וְאַתָּה תְּצַוֶּה' שֶׁכָּתַבְתִּי לְפָנַי כִּי תִשָּׂא. וְזוֹ הִיא הַקְּלָלָה שֶׁעֲשִׂתָה רֹשֶׁם, שֶׁלֹּא נִקְרָא שָׁם שְׁמוֹ, וּבִשְׁבִיל כָּךְ לֹא נִזְכַּר מֹשֶׁה בְּזֶה הַסֵּדֶר". און אזוי שרייבט אויך זיין זון דער **בעל הטורים** דא אויפן פלאץ.

פון דא לערנען מיר ארויס די געוואלדיגע מידה פון **'מסירות נפש'** פון **משה רבינו ע"ה**, דער **רַעְיָא מְהֵימְנָא**, וואס זיין **יוֹמָא דְּהִלּוּלָא** געפאלט שטענדיג אין די פרשה. משה רבינו האט זיך אונטערגעווארפען מיט זיין זעל מיט א געוואלדיגע מסירות נפש פאר כלל ישראל, און האט געבעטן אז זיין נאמען זאל אויסגעמעקט ווערן אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, אזוי ווי עס וואלט קיינמאל נישט געווען קיין משה, און אלעס – פאר די כפרה פון **יִשְׂרָאֵל קְדוֹשִׁים**.

***

הרה"צ המפורסם **רבי אלעזר בריזל זצ"ל**, פון די זקני חשובי אנשי ירושלים של מעלה, איז געווען אַן אִישׁ מסירות נפש לכל דבר שבקדושה.

ער איז ספעציעל נתפרסם געווארן דורכן **"מבצע שבתות"** וואס ער האט אויפגעשטעלט במסירות נפש, ווען במשך העבער פופציג יאר האט ער נישט געוויילט ביי זיך אינדערהיים אין די מערסטע שבתות פונעם יאר, נאר ער האט געקלעטערט צו די פארווקסטע ערטער אין ארץ הקודש, כדי צו דערנענטערן די פשוט'ע מענטשן פון כלל ישראל צום הייליגן שבת און צו די הייליגע תורה, און צוריקצובורגענען צו הערצער פון פארבלאנדזשעטע ברידער צו אונזער טאטע אין הימל.

אפטמאל זענען אט די נסיעות געווען פארבינדן מיט מסירות נפש ממש. ער האט אבער נישט אכט געלייגט צו די אלע מניעות, און ער האט זיך שטענדיג מתגבר געווען קעגן אלע שטערונגען, און געבליבן פעסט און שטארק מיט זיין הייליגע אונטערנעמונג.

אויף די פרייע 'קיבוצים' וועלכע האבן רח"ל פיינט געהאט די הייליגע תורה, האט ער נישט מורא געהאט אנצוקומען מיטן 'מבצע שבתות'. נישט איינמאל האבן זיי זיך קעגנגעשטעלט און האבן פראבירט צוריקצוהאלטן פון אים אז ער זאל נישט לאזן הערן אידישקייט פאר די מאַסן, ער האט אבער נישט מורא געהאט פון קיין שום מענטש.

אין אסאך פון די ערטער, ווען עס איז באוואוסט געווארן ביי די פארוואלטונג [=הנהלה] פון דער 'קיבוץ' אז ער טראכט צו קומען צו זיי פאר שבת, האבן זיי אים אנגעווארנט פון פאראויס אז ער זאל זיך נישט דערוואַגן זיך צו דערנענטערן צום אָרט, און האבן אים אויך געשיקט קלארע 'סטראשונגען', ער איז אבער ארויסגעגאנגען במסירות נפש פארן כבוד פונעם הייליגן שבת און פארן כבוד פון די הייליגע תורה.

איידער ער איז ארויסגעגאנגען פון זיין הויז, האט ער אנגעגרייט א **'צוואה'** פאר א פאל וואס ער וועט זיך נישט צוריקקערן פון זיין וועג, און דארט האט ער געשריבן אז אויך אויב מען וועט אים טרעפן גע'הרג'עט אויף קידוש השם, ליגנדיג אויפן פעלד, זאל מען אים מאכן א לוויה **בְּתֹף וּמָחוֹל**, מיט פויק און טענץ, דערפאר וואס ער האט זוכה

# מסירות נפש

**"וְאַתָּה תְּצַוֶּה אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ וגו'"**

כז, כ

געווען צו מקדש זיין שם שמים!

אבער אין מערסטנס פלעצער, נאכדעם וואס ער איז אנגעקומען דארט אין זיין פולן פראכט, און די מענטשן פונעם פלאץ האבן אים געזען מיט זיין הייליגן צורה, און ווי ער איז אנגעקליידט מיט די הייליגע שבת'דיגע מלבושים ווי דער שטייגער פון די **אַנְשֵׁי יְרוּשָׁלַיִם שֶׁל מַעְלָה**, און ווי זיין אויסדרוק אויפן פנים האט געוויזן אז זיין גאנצע כוונה איז נאר צום גוטן, האט מען אים ענדליך אויפגענומען בכבוד גדול, וְרַבִּים הֵשִׁיב מֵעָוֹן.

צוליב זיין ליבשאפט צום הייליגן שבת, האט רבי אלעזר הצדיק מחמיר געווען אויף זיך און נישט געוואלט נוצן דעם כללי'שן עירוב אין שטאט, און דעריבער האט ער זיך מטריח געווען און געמאכט אַן אייגענעם פריוואטן עירוב, וואס האט זיך געצויגן פון זיין הויז ביז צו די מקוה אין **בָּתֵּי אוּרְנְשְׁטֵיין**, כדי מען זאל קענען טראגן דעם האנטוך אום שבת אינדערפרי, דורכן מהודר'דיגן עירוב.

רבי אלעזר פלעגט זייער אפט גיין אין מקוה, און דאס האט ער געטון במסירות נפש, ווי דער שטייגער פון די פריערדיגע חסידים, און ביי יעדן מאל וואס ער האט געהאט עפעס א קליין חשש פון א נדנוד חטא, אדער א חשש פון כעס אדער רוגזא, פלעגט ער זיך טובל'ן אין מקוה אלץ תשובה.

האט מיר דערציילט זיין זון **מוהר"ר אהרן יוסף**, אז יונגערהייט, ווען דאס הויז איז געווען פול מיט קינדערלעך, און נאטורליך האט זיין טאטע פון מאל צו מאל געדארפט שרייען אויף איינעם פון די קינדער, האט ער תיכף דערנאך זיך געאיילט און געכאפט א טבילה אין מקוה צוליב די קפידא... און נישט איינמאל אום ליל שבת קודש, ווען ער האט זיך געגרייט צו מאכן קידוש, איז ער געזעצן און געמאכט א חשבון הנפש איידער ער וועט צוגיין און זאגן עדות אויף מעשה בראשית. [אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין די **ספרים הקדושים** אז עס איז ראוי אז מען זאל מהרהר בתשובה זיין פאר מען מאכט קידוש, וויבאלד א רשע איז דאך פסול לעדות, כידוע]. און אזוי אינמיטן מאכן דעם חשבון האט ער זיך פלוצלונג בארעכנט אז מען דארף חושש זיין אז מעגליך האט ער געהאט א הקפדה אדער כעס, און תיכף האט ער זיך געאיילט און איז געגאנגען טובל'ן אין מקוה. און אזוי איז ער צוגעגאנגען צו קידוש בסילודין, מיט א ספעציעלן זיכוך נאכן זיך רייניגן פון יעדן קליינעם ברעקל פון אַן עבירה חלילה.

זיין געוואלדיגע מסירות נפש איז געקומען פון זיין **אֱמוּנָה שְׁלֵמָה**, וואס האט געפלאקערט אין אים ווי א הייליגע פלאם פייער, און ער האט אלעמאל איינגעווארצלט די לויטערע אמונה אין אידישע הערצער, וויבאלד ער אליין איז געווען א באוואוסטער אִישׁ אֱמוּנָה. אין יעדן געלעגנהייט פלעגט ער איבער'חזר'ן די דרייצן עִקְּרֵי הָאֱמוּנָה **'אני מאמין'** וואס איז אויסגעשטעלט לויטן סדר וואס דער **הייליגער רמב"ם** האט מסדר געווען, און אין פארשידענע געלעגנהייטן פלעגט ער עס זאגן ברבים מיט א הויכן קול, ווען דער גאנצער קהל זאגט נאך אים **'אמת'** נאך יעדער 'אני מאמין' וואס ער האט אויסגערופן, און אזוי האט ער זיך געפירט ביי פילע מעמדים פון קידוש השם ברבים.

***

**הגאון הצדיק רבי משה קליערס זצוק"ל, גאב"ד עיה"ק טבריה ת"ו**, איז געווען איינער פון די באוואוסטע צדיקים אין ארץ הקודש, און זיין גאנצע לעבן איז געווען איין שטיק **מסירות נפש** פאר תורה און עבודת השם יתברך, און ער האט נישט געקענט אויסהאלטן ווען ער האט געזען ווי מענטשן לייגן אריין זייערע כוחות אין די עניני עולם הזה, אויסערדעם וואס ער אליין איז געווען אפגעשיידט און האט זיך מסגף געווען פון אלע עניני הגשמיות.

האט מיר **כבוד אבי מורי זצ"ל** דערציילט, אז אין זיינע יונגע יארן אין די הייליגע שטאט **צפת ת"ו** פלעגט הגה"צ רבי משה אנקומען צו זייער שטאט פאר איין חודש יעדן יאר, צוליב די שווערע היץ וואס האט געהערשט אין די הייליגע שטאט טבריה אין די זומער־טעג, און וועגן זיין גרויס שוואכקייט צוליב זיינע פילע תעניתים און סיגופים, איז די שווערע היץ געווען זייער שווער פאר אים. און מיין טאטע פלעגט אפטמאל דערציילן איבער זיין הייליגע התנהגות וואס ער האט געזען אין יענע טעג ווי ער האט געדינט השי"ת בדחילו ורחימו.

אין יענע צייטן, איידער עס איז ארויסגעקומען די פרידזשידערס אזוי ווי אין אונזער צייט, איז ווען די מענטשן פון צפת האבן זיך געוואלט דערכאפן דאס הארץ מיט עפעס קאַלטס, פלעגן זיי אפקילן וואסער און פארשידענע גרינצייג אין די קילע קעלערן. - איינמאל, ווען רבי משה האט זיך אויפגעהאלטן אין צפת, האבן אים זיינע גאסטגעבער מכבד געווען מיט א קאלטע **טאמאטע** וואס זיי האבן ארויפגעברענגט פונעם קעלער, און ווען זיי האבן ערקלערט אז דאס איז א טאמאטע וואס מען האט ספעציעל אפגעקילט פאר די הייסע טעג, האט זיך רבי משה געוואונדערט און נישט פארשטאנען, וויאזוי טוט מען אזוי צולייגן קאפ אין די עניני עולם הזה, און מען זארגט פאר קאלטע טאמאטעס...

דערנאך האט ער געזאגט, אז יעצט האט ער זיך דערוואוסט דער טעם פארוואס מען זעט נישט אז די מענטשן פון צפת זאלן שטייגן אין תורה אזוי ווי עס דארף צו זיין, אנשטאט אז זיי זאלן ארויסגעבן מער רבנים גדולי תורה [אין יענע צייטן], וויבאלד זיי זענען פארזינקען אין די עניני עולם הזה, **זיי האבן אינזינען די קאלטע טַאמַאטְקַאלַאך...** און ווען מען איז פארזינקען צו אפקילן די טאמאטעס, יאגט מען נישט אָן צו שטייגן אין די הייליגע תורה...

נאכדעם וואס מיין זיידע, **הגאון הצדיק רבי גמליאל הכהן ר"מ דקישינעוו זצוק"ל** איז נסתלק געווארן אין די הייליגע שטאט צפת, און מיין טאטע איז געבליבן א יונגל א יתום, האט רבי משה זצ"ל געשריבן פאר זיינעטוועגן א 'כתב המלצה' פאר דער **'בית היתומים דיסקין'**, וואס איז דעמאלטס געווען איינס פון די בעסטע מוסדות, און עס איז געווען שווער צו ווערן אנגענומען דארט.

אין זיין בריוו, האט רבי משה געשריבן אז ער האט זוכה געווען צו קענען זיין טאטן, "רבן גמליאל", וועלכער איז געווען אַן אִישׁ קָדוֹשׁ וּמוּרָם מֵעָם, און ער בעט פון די הנהלה פונעם מוסד אז זיי זאלן מאכן דעם ריכטיגן באשלוס, און מאכן א נחת רוח פאר די נשמה פונעם צדיק דורכן אריינעמען זיין זון אונטערן שוץ פונעם מוסד. - די ווערטער פונעם צדיק האבן געמאכט א רושם און האבן אויפגעטון דעם ריכטיגן פעולה, און ווירקליך איז מיין טאטע אנגענומען געווארן אינעם בית היתומים דיסקין אין די הייליגע שטאט.

האב איך געהערט פון **הרב הגאון רבי מענדל אטיק זצ"ל**, אז הגה"צ רבי משה איז געווען א געבוירענער פון די הייליגע שטאט צפת, און

אין זיין יוגנט האט ער דארט געלערנט בחברותא מיט איינעם פון זיין עלטער און זיי האבן געלערנט **מסכת כתובות**, לערנענדיג דעם גאנצן מסכתא גרונטליך, גמרא מיט תוספות, הָדֵק הֵיטֵב. און דערנאך זענען זיי געגאנגען זיך פארהערן דערויףביים מרא דאתרא פון צפת, וועלכער איז געווען דער באוואוסטער גאון דער **רידב"ז זצוק"ל**.

דער רידב"ז וועלכער האט זיי געקענט אלץ **בְּנֵי עֲלִיָּה** האט זי איבערראשט, און זיי גענומען פארהערן אויף א באזונדער וועג וואס זיי האבן זיך בכלל נישט געגרייט דערצו. ער האט זיי געבעטן אז זיי זאלן אויסרעכענען וויפיל מאל עס ווערן דערמאנט 'אביי ורבא' אין צען בלאט, ווי צוםביישפיל פון דף ל"ח ביז דף מ"ח, און אזוי ווייטער, וויפיל מאל ווערט דערמאנט דער און דער אמורא פון דף פלוני ביז דף פלוני, און דאס גלייכן. – ווי פארשטענדליך זענען זיי נישט געווען גרייט צו אזא שווערע פארהער [=בחינה], און דער רידב"ז האט זיי געשיקט איבער'חזר'ן די מסכתא נאכאמאל.

די חברותא פון רבי משה האט זיך שוין מייאש געווען פון זיך נאכאמאל גיין פארהערן ביים מרא דאתרא, אבער רבי משה אליין האט נישט אויפגעגעבן, נאר מיט אַן עקשנות דקדושה און מיט **מסירות נפש** האט ער נאכאמאל אנגעהויבן חזר'ן דעם גאנצן מסכתא פון אנהייב ביזן סוף, ביז עס איז געווען גוט איינגעוואוינט אויף זיין צונג, ישר והפוך, אהין און צוריק, און ער האט זיך נאכאמאל געשטעלט פארן רב אז ער זאל אים פארהערן דערויף, און ווירקליך האט דער רידב"ז אים ארומגערינגלט מיט שווערע און פארוויקלטע פראגן, און ער האט אים ווייטער געפרעגט פון פארשידענע לשונות אין רש"י, אויף וועלכע מען האט געדארפט ענטפערן וואו עס שטייט, און אזוי ווייטער, און אויף אלעס האט רבי משה קלאר געענטפערט מיט א גלאטקייט, און דער רידב"ז האט זיך זייער שטארק געפריידט מיט אים.

אין די צייטן וואס רבי משה האט געדינט אלץ רב פון די הייליגע שטאט טבריה, האט ער אויך געדינט אלץ ראש ישיבה פון די גרויסע און באקאנטע ישיבה **'אור תורה'** וואס שטייט ביים ציון פון התנא האלקי **רבי מאיר בעל הנס זי"ע** אין עיה"ק טבריה, וואו עס האבן געלערנט תלמידי חכמים מופלגים און גדולי עולם. הגאון רבי משה איז געווען דער ראש ישיבה און האט איבערגעגעבן די שיעורים כסדרן און האט אנגעפירט מיט די הנהגה רוחנית פון די ישיבה, און זיין זון האט אנגעפירט מיט די פראקטישע אנגעלעגנהייטן פון די ישיבה. דער גאנצער עול הגשמי פון אויסהאלטן די בני הישיבה, איז געלעגן אויפן זון פונעם רב, אינדערצייט וואס עס האט געהערשט א געפערליכער הונגער און מאנגל, און **במסירות נפש** האט ער אנגעהאלטן די הייליגע ישיבה.

דער עיקר הכנסה פון די ישיבה איז געווען פון די שטיצע פון די בני חוץ לארץ, וויבאלד דער גוטער נאמען פון די פרעכטיגע ישיבה איז שוין ארויסגעגאנגען לתהילה אין דער גאנצער וועלט. – עס איז זעלבסטפארשטענדליך אז דער קשר פון די הנהלת הישיבה מיט די גבירים די שטיצער פון חוץ לארץ, איז געווען העכסט־וויכטיג כדי אויסצוהאלטן די ישיבה, און דעריבער פלעגט די הנהלת הישיבה ארויסשיקן איינמאל אין עטליכע חדשים די חשבונות פון די לעצטיגע חדשים, און אלץ ענטפער פון אט די בריוו, האבן די גבירים געשיקט זייער שטיצער לויטן געברויך. [וויבאלד אין יענע צייטן איז שיקן בריוו געווען די איינציגסטע וועג צו האלטן קשר, נישט האבנדיג קיין טעלעפאנען, פאקסן און בליץ־פּאָסט [מֶעיל] ווי היינטיגע צייטן].

שיקן בריוו אין יענע צייטן קיין חוץ לארץ, איז נישט געווען קיין לייכטע זאך, נאר איינמאל אין דריי חדשים האט זיך אנגעזאמלט ביים ארטיגן פאסט־אַמט גענוג בריוו ארויסגעשיקט צו ווערן קיין חוץ לארץ, און זענען ארויסגעשיקט געווארן מיט שיפן צו זייער ציל. דערצו איז באשטימט געווארן א געוויסער טאג, און ביז א געוויסע צייט האט מען געקענט ברענגען די בריוו וואס מען האט געוואלט שיקן.

איינמאל, איז דער זון פון רבי משה, דער מנהל פון די ישיבה, געווען זייער פארנומען אינעם טאג וואס מען האט געדארפט שיקן די בריוון, און אזוי האט זיך פארשלעפט דאס ארויסשיקן די בריוו פונעם הנהלת הישיבה, ביז צו די לעצטע מינוט.

ווען אלע בריוו זענען שוין גרייט געווארן צו ווערן געשיקט, איז כמעט נישט געבליבן קיין צייט אנצוקומען צום ארטיגן פאסט־אפיס ביז די באשטימטע צייט. – גלייך האט דער מנהל גערופן זיין זון דער בחור, אן אייניקל פון רבי משה, און אים געגעבן דעם פעקל בריוון, ערקלערנדיג אז ער זאל שוין יעצט לויפן דערמיט צו די פאסט, נאך איידער עס ווערט פארשלאסן. ער האט אים אויך געזאגט אז מען וועט דארפן 'כאפן' דעם יעצטיגן געלעגנהייט, וויבאלד די גאנצע אויפהאלטונג פון די ישיבה אין די קומענדיגע חדשים, ווענדט זיך אין דעם יעצטיגן ליפערונג [משלוח], ווייל אויב די גבירים באקומען נישט די בריוו פון די חשבונות פון די ישיבה אויסגאבן, שיקן זיי נישט זייערע נדבות.

אין די זעלבע צייט איז אויך דער ראש ישיבה, הגה"צ רבי משה זצ"ל, געווען אינעם אפיס פון די ישיבה, און זיצנדיג אין זיין צימער האט ער געהערט די ווערטער פון זיין זון, דער מנהל פון די ישיבה, ווי ער הייסט זיין אייניקל אז ער זאל שנעל לויפן צום פאסט. הערנדיג די ווערטער, איז רבי משה גלייך ארויסגעגאנגען צום טיר, וואו ער האט באגעגנט זיין אייניקל וואס האט שוין אנגעהויבן לויפן צו די פאסט. האט אים רבי משה אפגעשטעלט און געזאגט צו אים: דו קענסט גיין רואיג, לויף נישט צו שנעל, ווייל ווען מען לויפט קען מען חלילה פארלירן דעם ישוב הדעת... עס איז בעסער צו פארלירן 'מיליאן פונט' **מיט מסירות נפש**, ווי צו פארלירן איין מינוט פון ישוב הדעת!





